תנו רבנן דיא רבנים האבין גילערינט ווער עש איז קראנק גיווארין אונ איז גינייגט צוא שטארבין זאגט מען צוא אים זאיי זיך מתודה ווארום אזו איז דער מנהג פון אלע וואש ווערין גינייגט צו שטארבין זיינן זיך מתודה אז איין מענטש גייט ארויש אויף דער גאס זאל דאש גליך זיין אין זיינע אויגין וויא ער איז איבר גיענטפערט גיווארין צו דעם וואש איז איין ממונה צוא טאן איין משפט אונ אז דיא קאפ טוט אים וויא זאל דאש גליך זיין אין זיינע אויגין וויא מען האט אים גנעבין אין קייטין אונ ווען ער איז אויף גיגאנגן אויף דעם בעט אונ איז גיפאלין אין גילעגער מחמת שלאפקייט זאל דאש גליך זיין אין זיינע אויגין וויא מען האט אים אויף גיבראכט צוא דעם ארט וואש מען משפט דארטין אויף מיתה מען זאל אים דארטין משפטין אויב עש איז פאר האנדין צוא איב גרוישע מליצי יושר ווערט ער ניצול פון דעם טויט אונ אז ניט ווערט ער ניט ניצול אונ דאש זיינן די מליצי יושר פון איין מענטשין תשובה אונ גיטע מעשים ווען אפילו ניין הונדערט מיט ניין אונ ניינציג מלאכים זיינען אויף אים מלמד חוב אונ איין מלאך איז אויף אים מלמד זכות ווערט ער ניצול ווארום עש שטייט אין פסוק אויב עש איז פאר האנדין איין מלאך וואש איז אויף אים מליץ אונ דר מלאך איז איינר פון טויזנט וואש זיינען אויף אים מלמד חוב גאר ער אליין איז אן גיבריט צוא זאגין צום מענטשן זיין רעכט פארטיקייט דער בארימט אים גאט אונ זאגט לייזט אים אויש פון צוא נידערין אין דר גרוב אונ גאט ב"ה זאגט איך האב גיפונען איין אויש לייזונג: ר"א דר זון פון רבי יוסי הגלילי האט גיזאגט ווען אפילו ניין הונדערט מיט ניין אונ ניינציג טענות אויף חוב

סוטה פרק משוח מלחמה

אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו מפניהם: כי יי אלהיכם ההולך עמכם להלחם לכם עם אויביכם להושיע אתכם: אל ירך לבבכם מפני צהלת סוסים וצחצוח חרבות · אל תיראו מפני הגפת התריסין ושפעת הקלגסים · ואל תחפזו מפני קול הקרנות · ואל תערצו מפני קול הצווחה · כי יי אלהיכם ההולך עמכם · הם באים בנצחונו של בשר ודם ואתם באים בנצחונו של מקום · פלשתים באים בנצחונו של גלית מה היה סופו לסוף נפל בחרב והם נפלו עמו · בני עמון באו בנצחונו של שובך ומה היה סופו לסוף נפל בחרב והם נפלו עמו · ואתם אי אתם כן · כי יהוה אלהיכם ההולך עמכם להלחם לכם עם אויביכם להושיע אתכם זה מחנה הארון:

שם

תנו רבנן אשר בנה אשר נטע אשר ארש · למדה תורה דרך ארץ שיבנה אדם בית ויטע כרם ואחר כך ישא אשה · ואף שלמה אמר בחכמתו הכן בחוץ מלאכתך ועתדה בשדה לך אחר ובנית ביתך · הכן בחוץ מלאכתך

איז פאר האנדין אין דעם אייגענעם מלאך וואש איז אויף אים מלמד זכות אונ נאר איין טענה האט ער אויף זכות ווערט ער אויך נצול פון דעם טויט:

אל ירך אייערע הערצר זאלין ניט ווייך ווערין מחמת דעם גשרייא פון דיא פערד אונ פאר דעם גלאנעץ פון די שווערדין איר זאלט זיך ניט פארכטין מחמת דעם קלאפין פון די שילטין אונ מחמת דעם ברומונג פון דעם חיל אונ איר זאלט ניט אנגסטין מחמת דעם קול פון די ווענין אונ איר זאלט ניט ווערין צו בראכין מחמת זייער גישריי ווארים גאט אייער גאט איז דער וואש גייט מיט אייך · זייא קומען אין דער מלחמה מיט דעם נצחון פון איין בשר ודם אונ איר קומט מיט דעם נצחון פון גאט ברוך הוא · די פלשתים זיינען גיקומען מיט דעם נצחון פון גלית וואש איז גיוועזן זיין סוף פון גלית · צום סוף איז ער גיפאלין אין שווערד אונ דיא פלשתים זיינען אויך גיפאלין מיט אים · די קינדר פון עמון זיינען גקומען מיט דעם נצחון פון דעם שר צבא וואש האט גיהייסין שובך אונ וואש איז גיוועזין זיין סוף ער איז גיפאלין אין שווערד אונ זיי זיינען אויך גיפאלין מיט אים אונ איר ישראל איר זייט ניט אזו ווארום גאט אייער גאט וואש גייט מיט אייך צו מלחמה האלטין פאר אייך מיט אייערע פיינט צוא העלפין אייך וויא עש שטייט דער וואש גייט מיט אייך ווערט אייך העלפין מיינט מען דאש דיא מחנה לויה וואש האט גיטראגין דעם ארון:

תנו רבנן דיא רבנים האבין גילערינט אין דער תורה שטייט פריער ווען איינער האט גיבויט אונ דער נאך שטייט ווען איינר האט גיפלאנצט אונ ווען איינער האט זיך משדך גיוועזן · דיא תורה לערינט דיר דער מיט דרך ארץ אז איין מענטש זאל בויען איין שטוב אונ זאל פלאנצין איין ווייון גארטין אונ דער נאך זאל ער נעמען איין ווייב שלמה המלך האט אויך אזו גיזאגט מיט זיין חכמה בריים אן אויף דער גאס דיין מלאכה דאש מיינט מען זאלשט בויען איין שטוב אונ בריים צו דיר אן איין פעלד דאש מיינט

מען

זה בית · ועתדה בשדה לך זה כרם · אחר ובנית ביתך זו אשה · דבר אחר הכן בחוץ מלאכתך זה מקרא · ועתדה בשדה לך זו משנה · אחר ובנית ביתך זה תלמוד · דבר אחר הכן בחוץ מלאכתך זה מקרא ומשנה · ועתדה בשדה לך זה תלמוד · אחר ובנית ביתך אלו מעשים טובים · רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר הכן בחוץ מלאכתך זה מקרא משנה ותלמוד · ועתדה בשדה לך אלו מעשים טובים · אחר ובנית ביתך דרוש וקבל שכר :

אבות פרק שני

**רבי** טרפון אומר היום קצר · והמלאכה מרבה · והפועלים עצלים · והשכר הרבה · ובעל הבית דוחק : הוא היה אומר · לא עליך המלאכה לגמור · ולא אתה בן חורין להבטל ממנה · אם למדת תורה הרבה · נותנין לך שכר הרבה · ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעלתך · ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא :

סנהדרין פרק חלק

**תנא** דבי אליהו · צדיקים שעתיד הקדוש ברוך הוא להחיותן · אינן חוזרין לעפרן · שנאמר והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו כל הכתוב לחיים בירושלים · מה קדוש לעולם קים · אף הם לעולם קימים · ואם תאמר אותן אלף שנים שעתיד הקדוש ברוך הוא לחדש בהן את עולמו שנאמר ונשגב יהוה לבדו ביום ההוא · צדיקים מה הם עושים · הקדוש ברוך

מען זאלשט פלאנצין איין ויין גארטין אחר ובנית ביתך דער נאך זאלשטו נעמען איין ווייב · אנאנדער פירוש איז דאש מיינט מען זאלשט פריער לערנען פסוק אונ דער נאך זאלשטו לערנען משניות אונ דער נאך גמרא · אנאנדער פירוש איז דאש מיינט מען זאלשט לערנען פסוק אונ משניות אונ דער נאך גמרא אונ דר נאך זאלשטו טאן מעשים טובים · ר״א דער זון פון רבי יוסי הגלילי האט געזאגט דאש מיינט מען זאלשט פריער לערנן פסוק אינ משניות אונ גמרא אונ דער נאך זאלשטו טאן מעשים טובים אונ דער נאך זאלשטו דרשנן אונ וועשט מקבל זיין שכר :

תנא עש האבין גילערינט דיא ישיבה פון אליהו די צדיקים וואש גאט ברוך הוא איז אן געבייט או ער זאל זיא לעבעדיג מאבין לימות המשיח קערין זיא ויך מער ניט אום צו זייער ערד ווארום עש שטייט אין פסוק אונ דער וואש ווט איבר בלייבין וועט זיין אין ירושלים צוא איטליכין וועט געזאגט ווערין הייליגר בלוטר זיא וועלין זיין אלע הייליגע אונ צדיקים איטליכער צדיק וואש איז אן געשריבין לחיי העולם הבא וועט זיין אין ירושלים אזו וויא דר הייליגר גאט האט איין קיום אויף אייביג אזו אויך די צדיקים האבין איין קיום אויף אייביג אונ אויב דוא וועשט זאגין דיא דאזיגע יארין וואש גאט ברוך הוא איז אן געבריט צו בנייען אין זיי זיין וועלט אונ די היינטיגע וועלט וועט הרוב זיין טויזנט יאר ווארום עש שטייט אין פסוק אונ גאט וועט אליין געשטארקט זיין אין דעם דאזיגין טאג וואש טוען די צדיקים אין דיא טויזנט יאר גאט ברוך הוא

הוּא עוֹשֶׂה לָהֶם כְּנָפַיִם כַּנְּשָׁרִים וְשָׁטִים עַל פְּנֵי הַמַּיִם · שֶׁנֶּאֱמַר עַל כֵּן לֹא נִירָא בְּהָמִיר אָרֶץ וּבְמוֹט הָרִים בְּלֵב יַמִּים · וְשֶׁמָּא תֹאמַר יֵשׁ לָהֶם צַעַר · תַּלְמוּד לוֹמַר וְקוֹיֵ יְהוָה יַחֲלִיפוּ כֹחַ יַעֲלוּ אֵבֶר כַּנְּשָׁרִים יָרוּצוּ וְלֹא יִיגָעוּ יֵלְכוּ וְלֹא יִיעָפוּ :

סדר קדשים ערכין פרק שלישי

בְּאוֹנֵס וּמְפַתֶּה לְהָקֵל וּלְהַחְמִיר · כֵּיצַד · אֶחָד שֶׁאָנַס וּפִתָּה אֶת הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּכְּהֻנָּה · וְאֶת הַקְּטַנָּה שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל · נוֹתֵן חֲמִשִּׁים סְלָעִים · וּבְבוֹשֶׁת וּבִפְגָם · הַכֹּל לְפִי הַמְבַיֵּשׁ וְהַמִּתְבַּיֵּשׁ : וּבְמוֹצִיא שֵׁם רָע לְהָקֵל וּלְהַחְמִיר · כֵּיצַד · אֶחָד שֶׁהוֹצִיא שֵׁם רָע עַל הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּכְּהֻנָּה וְעַל הַקְּטַנָּה שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל · נוֹתֵן מֵאָה סְלָעִים · נִמְצָא הָאוֹמֵר בְּפִיו חָמוּר מִן הָעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה · שֶׁכֵּן מָצִינוּ שֶׁלֹּא נֶחְתַּם

מאכט צו זייא פליגלען אזו וויא צו די אדלער אונ זייא שוועבין אויף דיא וואשר ווארום עש שטייט אין פסוק דרום ווערין מיר קיין מורא ניט האבין אז עש ווערט ווערין פאר ביטין דיא ערד אונ אז דיא בערג ווערין ווערין אויש גיגליטשט ווייל מיר וועלין זיין דענשט מאל אין מיטין די מים דרום ווערן מיר קיין מורא ניט האבין אונ טאמר ווערשטו זאגין אז דאש איז איין צער צוא דיא צדיקים שטייט אין פסוק אונ דיא וואש האפין צוא גאט ווערין זיך פאר בייטין מיט כח כלומר זייא וועלין כח האבין צו פליהען אונ וועלין ניט האבין קיין צער דער פון זייא וועלין אויף ברייננגען דיא פליגיל אזוא וויא דיא אדלער זיי וועלין לויפין אונ וועלין ניט מיד זיין זיי וועלין גיין אונ וועלין ניט מיד זיין :

באונס ביא דעם דין ווען איינער איז מאנס איין בתולה אדער ווען איינר רעט זיא איבער איז פאר האנדין איין קולא מיט איין חומרא איז די משנה מפורש וויא אזו ווען איינער האט מאנס אדר מפתה גיוועזן איין גרעשערע מיוחסת פון דיא כהנים גיט ער נאר פופציג סלעים קנס אזו וויא ער גיט ווען ער האט מאנס אדר מפתה גיוועזן איין קלענשטע מיוחסת פון דיא ישראל דאש איז איין קולא · אונ איין חומרא איז אז צו איין קלענשטע פון דיא ישראל מוז ער געבין פופציג סלעים אזו וויא ער גיט צוא איין גרעשטע מיוחסת פון די כהנים אונ ביא דעם דין פון מוציא שם רע איז אויך פאר האנדין איין קולא מיט איין חומרא איז דיא משנה מפורש וויא אזוא ווארום ווען איינר האט מוציא שם רע גיוועזן אויף דיא גרעשטע מיוחסת פון דיא כהנים אונ אויף דער קלענשטע פון די ישראל גיט ער גלייך קנס הונדערט סלעים נמצא איז דא איין קולא מיט איין חומרא אזוא וויא אויבין ביא אונס אונ ביא מפתה איז מפורש גיווארין גיפינן מיר דער וואש זאגט מיט דעם מויל דאש מיינט מען אז ער איז מוציא שם רע איז זיין עונש הארבר פון דעם וואש טוט איין מעשה דאש מיינט מען ווען ער האט מאנס אדר מפתה גיוועזן כלומר ווען ער איז מוציא שם רע מוז ער געבין הונדערט סלעים. קנס אונ ווען ער איז מאנס אדר מפתה גיט ער נאר פופציג סלעים קנס ווארום אזו גיפינן מיר אז עש איז ניט נתחתם גיווארין דער גזר דין אויף אונזערע עלטערין אין דער מדבר אז זיי זאלין ניט אריין גיין קיין ארץ ישראל נאר פון וועגין לשון הרע וואש זייא האבין גירעט אויף ארץ ישראל ווארום עש שטייט אין פסוק זיי האבין מיר גיפרובט מיט דעם דאזיגין

גזר דין על אבותינו במדבר · אלא על לשון הרע · שנאמר וינסו אתי זה עשר פעמים ולא שמעו בקולי :

ערכין שם

תנא דבי רבי ישמעאל על מה מכפר הקטורת · על לשון הרע · אמר הקדוש ברוך הוא יבא דבר שבחשאי ויכפר על דבר שבחשאי :

סדר טהרות ידים פרק ראשון

מי רביעית נוטלין לידים לאחד · ואף לשנים · מחצי לוג לשלשה או לארבעה · מלוג לחמשה · ולעשרה ולמאה · רבי יוסי אומר ובלבד שלא יפחות לאחרון שבהם מרביעית · מוסיפין על השנים ואין מוסיפין על הראשונים :

נדה פרק ט

תנו רבנן בגד שאבד בו כלאים הרי זה לא ימכרנו לנכרי · ולא יעשה ממנו מרדעת לחמור · אבל עושה ממנו תכריכין למת · דכתיב במתים חפשי · כיון שאדם מת נעשה חפשי מן המצות :

ואומרים עשרת הדברות ופרשת המן וכו' עד הבקשות כמו שכתוב מסודר במעמד יום א' :

## בקשה ליום חמישי

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתתנהג עמי במדת החסד ובמדת הרחמים כל ימי חלדי · ותנוח לי ממגורי ואל תאסף עם חטאים נפשי ועם אנשי דמים חיי · וגם עד זקנה ושיבה אל תעזבני · ותתן חלקי עם יראיך ויודעי שמך ובין רצוייך העושים רצונך בלבב שלם ועמהם יהא חלקי וגורלי וכוסי כי אתה תומך גורלי · אנא יי אלהי ואלהי אבותי אל תפן

מאל איז שוין צעהן מאל אונ זייא האבין ניט צוא גיהערט אין מיין קול איז גידרונגן אז פאר די מרגלים האבין זיי שוין אויך גיזינדיגט אונ דער גזר דין איז ניט נחתם גיווארין נאר פון וועגין לשון הרע :

תנא דיא ישיבה פון רבי ישמעאל האבין גילערינט אויף וואש פר איין זינד איז קטורת מכפר נאר אויף לשון הרע גאט ברוך הוא האט גיזאגט לאז קומען איין זאך וואש ווערט גיטאן שטילער הייד דאש מיינט מען קטורה וואש זייא ווערין גיטאן אין היכל שטילער הייד אונ עש זאל מכפר זיין אויף איין זאך דאש מיינט מען לשון הרע וואש ווערט גיזאגט שטילער הייד אונ פאר בארגין :

יהי רצון עש זאל זיין דער ווילין פון צוא פאר דיר גאט מיין גאט אונ דער גאט פון מיינע עלטערין אז דוא זאלשט זיך נוהג זיין מיט מיר מיט דער מדה פון חסד אונ מיט דער מדה פון רחמים אלע טאג פון מיין עלטער אונ זאלשט מיך מאכין רוען פון מיין פארכט אונ דו זאלשט ניט איין טאן מיט דיא זינדיגע מיין לייב אונ מיט די מענטשין וואש האבין בייא זיך שולד בלוט זאלשטו ניט איין טאן מיין לייב אונ אויך ביז מיין עלטער בעט איך דיך אז דוא זאלשט מיך ניט פר לאזין אונ זאלשט געבין מיין חלק מיט דיינע פארכטיגע אונ מיט דיא וואש ווייסין דיין נאמען אונ צווישין דיינע באוויליגער וואש טוען דיין רצון מיט דעם גאנצין הארצין אונ מיט זייא זאל זיין מיין חלק אונ מיין גורל

לרשעי ולחטאתי ולעונותי ולפשעי שחטאתי ושעויתי ושפשעתי לפניך ולמעשים רעים שעשיתי · עשה אתה עמי צדקה למען שמך ולמען בריתך עם אברהם יצחק וישראל עבדיך · ולמען משה ואהרן דוד ושלמה ואליהו · ולמען כסא כבודך · ולמען שכינתך · ורחם עלי כי רחום אתה ומבלעדיך אין מי שירחמני ויראה בעניי כי אתה יי אלהי : יי שמעתי שמעך יראתי · זחלתי ונבהלתי ואירא מחות דעי אותך כי מאתך הצדק והאמונה · ומפיך הדעת והתבונה · יי שמעה תפלתי ושועתי אליך תבוא והאזינה אל תחנוני באמונתך ענני ושמע תפלתי · כי אתה שומע תפלת כל פה · ברוך אתה שומע תפלה :

בקשה אחרת מענין יצירת היום על דרך הקבלה :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו מכין תבל בכחו ומקים עולם בתורתו בורא בריות חיים בתחתונים ביום זה להראות תפארת גדלתו · ונתת בהם כח לפרות ולרבות ולהפליא לעשות איש על עבודתו · אנא יי אלהי ברחמיך הרבים רחם על מעשה ידיך לבל תפיל אשה מפרי בטנה

ווארום דוא מאבשט אונטער לעהענען מיין האנט אויף מיין גורל איך בעט דיך אז דוא זאלשט זיך ניט קערין צוא מיין רשעות אונ צוא מיינע זינד וואש איך האב גיזינדיגט פאר דיר אונ וואש איך האב מעשים רעים גיטאן טוא דוא מיט מיר גירעכטיקייט פון וועגין דיין נאמען אונ פון וועגין וואש דו האשט כורת ברית גיוועזן מיט אברהם אונ מיט יצחק אונ ישראל וואש זיינען גיוועזן דיינע קנעכט אונ פון וועגין משה ואהרן ודוד ושלמה ואליהו אונ דעם כבוד פון דיין שטול אונ פון וועגין דיין שכינה אונ דער בארם זיך אויף מיר ווארום דו בישט איין רחום אונ הוץ דיר איז ניט דא צו מיר ווער עש זאל זיך מרחם זיין אויף מיר אונ זאל זעהן אין מיין פיין ווארום דוא בישט גאט מיין גאט · גאט איך האב גיהערט דיין הערונג האב איך זיך גיפארכטין איך האב גיציטערט אונ בין ווארין דער שראקין אונ האב זיך גיפארכטין פון צוא זאגין מיין דעה צוא דיר ווארום פון דיר איז דאש גירעכטיקייט אונ דאש ווארהייט אונ פון דיין מויל איז דאש וויסין שאפט אונ דאש פר שטאנד · גאט הער צו מיין תפלה אונ מיין גישרייא זאל קומען צו דיר אונ פר נעם צו מיין גיבעט מיט דיין ווארהייט ענטפער מיר אונ הער צו מיין תפלה :

יהי רצון עש זאל זיין דער ווילין פון צוא פאר דיר גאט אונזער גאט אונ דער גאט פון אונזרע עלטערין וואש ער בריים אן דיא וועלט מיט זיין כח אונ איז מקיים די וועלט אז זיא זאל איין קיום האבין דורך זיין תורה ער האט באשאפין לעבדיגע ברואים אין די אונטערשטע עולמות אין דעם דאזיגין טאג צו ווייזין דאש שיינקייט פון זיין גדולה אונ האשט אין זייא גיגעבין כח צו פרוכטין זיך אונ צוא מערין זיך אונ וואונדער צוא טאן איטליכער מענטש אויף זיין ארבעט איך בעט דיך גאט מיין גאט מיט דיינע פיל רחמנות דער בארעם זיך אויף דיא ווערק פון דיינע הענט אז איין אשה זאל ניט כפיל

זיין

מְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וְאַל יֶחְסַר הַמָּזוֹג לִמְנִיקוֹתֵיהֶן וְהָכֵן דַּדֵּיהֶן כִּשְׁתֵּי מַעְיָנוֹת לְהַשְׁפִּיעַ חָלָב לְוַלְדוֹתֵיהֶן לְמַעַן יִגְדְּלוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ כִּדְכְתִיב מִפִּי עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז · וְנִזְכֶּה כֻּלָּנוּ לִרְאוֹת בְּנֶחָמַת צִיּוֹן כִּדְכְתִיב לְמַעַן תִּינְקוּ וּשְׂבַעְתֶּם מִשֹּׁד תַּנְחוּמֶיהָ לְמַעַן תָּמֹצּוּ וְהִתְעַנַּגְתֶּם מִזִּיז כְּבוֹדָהּ · כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה: בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה:

# מעמדות ליום ששי

תורה

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ בְּהֵמָה וָרֶמֶשׂ וְחַיְתוֹ אֶרֶץ לְמִינָהּ וַיְהִי כֵן: וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת חַיַּת הָאָרֶץ לְמִינָהּ וְאֶת הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ וְאֵת כָּל רֶמֶשׂ הָאֲדָמָה לְמִינֵהוּ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי טוֹב: וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל הָאָרֶץ וּבְכָל הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ: וַיִּבְרָא

זיין פון די פרוכט פון איר בויך אונ עש זאל ניט גימינערט ווערין דיא משקה דאש מיינט מען דאש מילך צו זייערע זייגענדיגע ווייבער אונ בריית אן זייערע בריסט זייא זאלין זיין אזו וויא צוויא קוואלין צוא משפיע זיין מילך צוא זייערע קינדר כדי זייא זאלין דר וואקסין ווערין צו דיין דינשט אזו וויא עש שטייט אין פסוק פון דעם מויל פון די יונגע קינדער אונ די זייגענדיגע קינדר האשטו גיגרונד פעסטיגקייט אז עש זאל ארויש גיין פון זייא איין שטארקע לויב אונ מיר זאלין אלע זוכה זיין צו זעהן אין דר נחמה פון ציון אזו וויא עש שטייט אין פסוק דאמיט איר ווערט זויגין אונ ווערט זאט זיין פון פעטקייט פון איר טרייסטונג דאמיט איר ווערט זויגין אונ איר ווערט תענוג האבין פון דעם שיינקייט פון איר כבוד:

ויאמר אלהים גאט האט גיזאגט דיא ערד זאל אויש ציהען איין לייב וואש האט אין זיך חיות נאך איר מין נאך בהמות אונ ווירמעניג אונ דיא חיות פון דער ערד אונ עש איז אזו גיוועז אונ גאט האט אן גיבריים מיט זייער גישטאלט אונ מיט זייער הויך די חיות פון דער ערד נאך איר מין נאך אונ די בהמות אונ גאר דאש ווירמעניג פון דער ערד נאך זייערע מינים נאך אונ גאט האט גיזעהען אז עש איז גוט האט גאט גיזאגט לאמיר באשאפין איין מענטשין אונ דרום האט דר פסוק גישטעלט בלשון רבים האטשע דיא מלאכים האבין אים ניט גיהאלפין אין דעם באשאפונג פון דעם מענטשין צו לערנן אונז דרך ארץ אז איין גרוישער גיהער זיך בראטין אונ נעמען רשות פון איין קליינעם אזו וויא אונזער פורעם וואש מיר האבין אן גיגרייט פון דעם מענטשין ווענין אזוא וויא אונזער גישטאלט איז דאש מיינט מען זייא זאלין שכל האבין אונ דיא מענטשין זאלין גיוועלטיגין אין די פיש פון דעם ים אונ אין די פויגיל וואש זייגען אונטער דעם הימעל אונ אין אלע בהמות אונ אין דער גאנצער ערד אונ אין אלע ווירמעניג וואש ווירמעט אויף דער ערד אונ גאט האט אליין באשאפין דעם מענטשין אין דעם פורעם וואש איז גימאכט גיווארין פון דעם מענטשן ווענין אונ דער פורם וואש מען האט דעם מענטשין

אין

אֱלֹהִים אֶת הָאָדָם בְּצַלְמוֹ בְּצֶלֶם אֱלֹהִים בָּרָא אֹתוֹ זָכָר וּנְקֵבָה בָּרָא אֹתָם:
וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים וַיֹּאמֶר לָהֶם אֱלֹהִים פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ
וְכִבְשֻׁהָ וּרְדוּ בִּדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבְכָל חַיָּה הָרֹמֶשֶׂת עַל הָאָרֶץ:
וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים הִנֵּה נָתַתִּי לָכֶם אֶת כָּל עֵשֶׂב זֹרֵעַ זֶרַע אֲשֶׁר עַל פְּנֵי כָל
הָאָרֶץ וְאֶת כָּל הָעֵץ אֲשֶׁר בּוֹ פְרִי עֵץ זֹרֵעַ זָרַע לָכֶם יִהְיֶה לְאָכְלָה: וּלְכָל
חַיַּת הָאָרֶץ וּלְכָל עוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל רוֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ אֲשֶׁר בּוֹ נֶפֶשׁ חַיָּה
אֶת כָּל יֶרֶק עֵשֶׂב לְאָכְלָה וַיְהִי כֵן: וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה
טוֹב מְאֹד וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם הַשִּׁשִּׁי:

ישעיה מה

כֹּה אָמַר יְהֹוָה קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל וְיֹצְרוֹ הָאֹתִיּוֹת שְׁאָלוּנִי עַל בָּנַי וְעַל פֹּעַל
יָדַי תְּצַוֻּנִי: אָנֹכִי עָשִׂיתִי אֶרֶץ וְאָדָם עָלֶיהָ בָרָאתִי אֲנִי יָדַי נָטוּ
שָׁמַיִם וְכָל צְבָאָם צִוֵּיתִי: אָנֹכִי הַעִירֹתִהוּ בְצֶדֶק וְכָל דְּרָכָיו אֲיַשֵּׁר הוּא
יִבְנֶה עִירִי וְגָלוּתִי יְשַׁלֵּחַ לֹא בִמְחִיר וְלֹא בְשֹׁחַד אָמַר יְיָ צְבָאוֹת: כֹּה אָמַר

אין אים בשאפין אין דער פורעם פון דעם געשטאלט פון גאט ברוך הוא וויא אזוא ער
האט זיך באוויזין צוא דיא נביאים · איין זכר מיט איין נקבה האט ער זייא בשאפין אונ
גאט האט זייא געבענשט אונ גאט האט צוא זייא געזאגט פרוכט אייך אונ מערט אייך
אונ דר פילט די ערד אונ בצווינגט זיא אונ געוועלטיגט אין דיא פיש פון דעם ים אונ
אין דיא פויגיל וואש זיינען אונטער דעם הימיל אונ אין אלע חיות וואש ווירמעט זיך
אויף דר ערד האט גאט געזאגט איך האב געגעבין צו אייך אלערלייא גראזין וואש אין
זייא וואקסט זאמען אז מען קאן זייען פון זייא אויף אנאנדער ארט וואש איז אויף דער
גאנצער ערד אונ אלע בוימער וואש אויף אים וואקסט אזעלכע פירות וואש אין זייא
איז פאר האנדין זאמען אז מען קאן זייען פון זייא אויף אנאנדער ארט צוא אייך זאל
דאש זיין צוא איין עשין ווארג אונ צוא אלע חיות פון דער ערד אונ צוא אלע עופות
וואש זיינן אונטר דעם הימיל אונ צו אלע ווירמענגג וואש אויף דר ערד וואש אין אים
איז דא חיות זאל זיין אלע גרינע גראזין צו איין עשין ווארג אונ עש איז אזוי געוועזן אונ
גאט האט געזעהען אלץ וואש ער האט געטאן אז עש איז זייער גוט :

כה אמר ה׳ אזוי האט גאט געזאגט דר הייליגער פון די ישראל אונ זיין בשעפר אויב איר
נביאים ווילט מיך פרעגין זאלט איר מיך גאר פרעגין אויף דיא צייכין פון דעם
הימיל וואש איר זעהעט אויף דער ערד וואש זייא בטייטין אבער אויף מיינע קינדער
ישראל וואש מיינע הענט האבין אלץ געווערקט אונ בשאפין איז דאש דען מוטל אויף
אייך אז איר זאלט מיך געבעטין אויף זייא אונ קורא תגר זיין פר מיר וואש די הצלחה פון
נבוכדנצר געווארט איז לאנג איך האב דאך לאנג בשאפין איין הילף צוא דיא ישראל איך
האב בשאפין דיא ערד אונ האב זיא געגעבין צוא דעם וואש רעכט פארטיג איז אין
מיינע אויגין אונ דיא מענטשין האב איך אויף איר באשאפין איך מיינע הענט האבין
גענייגט דיא הימיל אונ אלע זייערע הערשאפט האב איך געבאטין איך האב אים דער

וועקט

יְיָ יְגִיעַ מִצְרַיִם וּסְחַר כּוּשׁ וּסְבָאִים אַנְשֵׁי מִדָּה עָלַיִךְ יַעֲבוֹרוּ וְלָךְ יִהְיוּ אַחֲרַיִךְ יֵלֵכוּ בַּזִּקִּים יַעֲבֹרוּ וְאֵלַיִךְ יִשְׁתַּחֲווּ אֵלַיִךְ יִתְפַּלָּלוּ אַךְ בָּךְ אֵל וְאֵין עוֹד אֶפֶס אֱלֹהִים: אָכֵן אַתָּה אֵל מִסְתַּתֵּר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעַ: בּוֹשׁוּ וְגַם נִכְלְמוּ כֻּלָּם יַחְדָּו הָלְכוּ בַכְּלִמָּה חָרָשֵׁי צִירִים: יִשְׂרָאֵל נוֹשַׁע בַּייָ תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים לֹא תֵבֹשׁוּ וְלֹא תִכָּלְמוּ עַד עוֹלְמֵי עַד:

תהלים צג

יְיָ מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ לָבֵשׁ יְיָ עֹז הִתְאַזָּר אַף תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל תִּמּוֹט: נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז מֵעוֹלָם אָתָּה: נָשְׂאוּ נְהָרוֹת יְיָ נָשְׂאוּ נְהָרוֹת קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם:

וועקט מיט גירעכטיקייט דאש מיינט מען דעם מלכות כורש אז דורך אים זאלין ווערין גיהאלפין מיינע קינדער ישראל פון דיא הענט פון בבל אונ אלע זיינע וועגין וועל איך רעכט פארטיג מאכין ער וועט אויף בויען מיין שטאט ירושלים אונ ער וועט מיינע פר טריבענע ישראל פרייא ארויש שיקין ניט מחמת איין פאר בייטונג פון געלט אונ ניט כחמת שוחד וועט ער דאש טאן אזו האט גאט גיזאגט דאש האב איך אייך מודיע גיוועזן מיט וואש איך וועל העלפין דיא ישראל פון די הענט פון בבל אונ וועל אייך נאך מודיע זיין וויא אזו איך וועל זייא העלפין פון דיא הענט פון סנחרב אין די צייטין פון יחזקיהו המלך אזו האט גאט גיזאגט דאש גוטש פון מצרים אונ די סחורות פון כוש אונ סבאים וואש סנחרב וועט מיט זיך ברייגגן קיין ירושלים מאס האפטיגע מענטשין דאש מיינט מען דאש חיל פון סנחרב אויף דיר ירושלים וועלין זייא איבער פארין אונ סנחרב מיט זיינע מענטשין וועלין פאלין אין דיא הענט פון יחזקיהו אונ גאר דאש גוטש וועט בלייבין צוא דיר יחזקיהו נאך דיר וועלין זייא נאך גיין אין קייטין וועלין זייא איבר פארין דיא שבוים וואש סנחרב האט מיט זיך גיבראכט אונ צו דיר יחזקיהו וועלין זיי זיך בוקין אונ צוא דיר וועלין זייא בעטין ווארום נאך דעם אז סנחרב האט איין מפלה גיהאט האט יחזקיהו המלך אלע שבוים פון סנחרב פרייא ארויש גילאזט אויך דרויף זאגט דער פסוק ווייטער אלע וועלין מודה זיין אז נאר בייא דיר איז דא איין גאט אונ ניט מערער נאר גאט ברוך הוא אליין אונ אזו וועלין זייא ריידין צוא גאט פאר וואר דוא האשט אונז גיגעבין פר שטיין אז כדי דוא זאלשט גיצאלט נעמען פון דיא ישראל פר זייערע זינד פאר בארגשטו זיך פון צוא ווייזין דיין נצחון כביכול וויא דוא האשט קיין יכולת ניט צוא העלפין זייא אונ אז עש דער וועקט זיך דיין רחמנות אויף זייא בישטו איין גאט פון דיא ישראל וואש דו העלפשט זייא · זייא זיינן ווארין פר שעמט אלע מיט אנאנדער זייא זייגען גיגאנגען מיט שאנד די בעלי מלאכות וואש האבין גימאכט דיא בילדער דיא ישראל ווערין גיהאלפין מיט גאטש זאג איין אייביגע הילף איר וועט ניט פאר שעמט ווערין ביז אייביג:

יי מלך אז משיח וועט קומען וועט מען זאגין גאט האט גיקיניגט אונ האט אן גיקלייד גרוישקייט גאט האט זיך אן גיקלייד מיט שטארקייט אונ האט זיך ארום גיגארטילט מיט כח אונ דענסט מאל וועלין אלע וויסין אז גאט האט דיא וועלט אויך אן גברייט אז

מקולות מים רבים אדירים משברי ים אדיר במרום יי: עדותיך נאמנו מאד
לביתך נאוה קדש יי לארך ימים:

תורה

כי ידין יי עמו ועל עבדיו יתנחם כי יראה כי אזלת יד ואפס עצור ועזוב: ואמר אי אלהימו צור חסיו בו: אשר חלב זבחימו יאכלו ישתו יין נסיכם יקומו ויעזרכם יהי עליכם סתרה: ראו עתה כי אני אני הוא ואין אלהים עמדי אני אמית ואחיה מחצתי ואני ארפא ואין מידי מציל: כי אשא אל שמים ידי ואמרתי חי אנכי לעולם: אם שנותי ברק חרבי

זיא זאר ניט אויש גלישט ווערין דיין שטול איז אן גיברייט פון דער צייט אז דוא האשט דיא וועלט בשאפין איידער דוא האשט בשאפין דיא וועלט בישטו גיוועזן איין גאט דיא טייכין האבין אויף גהויבין איין קול גאט דיא טייכין האבין אויף גהויבין זייער קול אונ די טייכין האבן אויף גהויבין זייערע אינדין אבער מער פון די שטארקע וואשערין אונ פון דיא אינדין פון ים וועט זיך שטארקין דאש קול פון דעם גאט וואש זיצט אין הימיל דייגע נביאים וואש האבין עדות גיזאגט אויף דער גאולה זיינן זייער בגלייבט אונ צו דיין הויז וועט זיין איין שיין היליקייט גאט דער בית המקדש וואש וועט גיבויט ווערין וועט זיין אויף לאנגע טעג אונ וועט קיין מאל ניט חרוב ווערין:
כי ידין אז גאט וועט משפטין זיין פאלק ישראל מיט יסורים אונ וועט זיך אויף זיינע קנעכט ישראל בארטין או ער זאל זיך ווידר מרחם זיין אויף זייא אז ער וועט זעהן אז דיא האנט פון דעם פיינט איז גיגאנגען אונ האט זיך גישטארקט אין זייא אונ עש האט זיך אויש גילאזט ביי די ישראל איין הילף וואש עש קומט דורך דם עלצטין וואש ער האלט זייא איין אין דער מלחמה אז זייא זאלין ניט צוא שפרייט ווערין אונ ער שטארקט זייער הארץ כלומר עש איז ביי זיי קיין עלצטער ניט גיבליבין אונ גאט ב״ה וועט זאגין אויף זייא וואו זיינען זייערע אפ געטר וואש זיי האבין גדינט צו זיי אונ וואו איז זייער שטארקר שטיין וואש זייא האבין זיך בשיצט אין אים אז ער זאל זיי פאר דעקין פאר דער זון אונ פאר דר קעלט דאש איז אלץ איין משל אויף זייערע אפ געטר וואש דעם חלב פון זייערע קרבנות האבין זייערע אפ געטער גינעשין דאש מיינט מען וואש זייא פלעגין מקריב זיין פאר זיי קרבנות אונ האבין גיטרונקן דעם וויין וואש מען האט מנסך גיוועזן פאר זייא לאזין דיא אפ געטר אויף שטיין אונ לאזין איך העלפין פון דעם פורעניות אונ לאז ער זיין אויף אייך איין בשיצונג אונ איין פאר בארגעניש זעהט איצונדערט אונ פאר שטייט פון דעם פורעניות וואש איך האב גיבראכט אויף אייך אונ איר האט פון קיינם קיין הילף ניט אונ פון דער הילף וואש איך וועל אייך העלפין אונ קיינר וועט מיר ניט ווערין אז איך בין איין גאט וואש איך קאן דעם משפיל זיין אונ דם דער הויבין אונ עש איז ניט דא קיין אנדער גאט מיט מיר אז ער זאל מיר ווערין דרויף איך טייט אונ מאך לעבעדיג איך וואונד אונ איך הייל דער נאך אונ עש איז ניט דא קיינער אז ער זאל מציל זיין פון מיין האנט דיא וואש זינדיגין פאר מיר מחמת פיל צארין וואש איך האב אויף דעם פיינט וועל איך אויף הייבין מיין האנט צוא מיר וואש איך

זיץ

וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי אָשִׁיב נָקָם לְצָרָי וְלִמְשַׂנְאַי אֲשַׁלֵּם: אַשְׁכִּיר חִצַּי מִדָּם וְחַרְבִּי תֹּאכַל בָּשָׂר מִדַּם חָלָל וְשִׁבְיָה מֵרֹאשׁ פַּרְעוֹת אוֹיֵב: הַרְנִינוּ גוֹיִם עַמּוֹ כִּי דַם עֲבָדָיו יִקּוֹם וְנָקָם יָשִׁיב לְצָרָיו וְכִפֶּר אַדְמָתוֹ עַמּוֹ:

משנה פ״ו ממסכת תמיד

הֵחֵלּוּ עוֹלִין בְּמַעֲלוֹת הָאוּלָם · מִי שֶׁזָּכוּ בְּדִשּׁוּן מִזְבֵּחַ הַפְּנִימִי וְהַמְּנוֹרָה הָיוּ מַקְדִּימִין לִפְנֵיהֶם · מִי שֶׁזָּכָה בְּדִשּׁוּן מִזְבֵּחַ הַפְּנִימִי נִכְנַס וְנָטַל הַטֶּנִי וְהִשְׁתַּחֲוָה וְיָצָא · מִי שֶׁזָּכָה בְּדִשּׁוּן הַמְּנוֹרָה נִכְנַס וּמָצָא שְׁתֵּי נֵרוֹת מִזְרָחִיּוֹת דּוֹלְקוֹת מְדַשֵּׁן אֶת הַמִּזְרָחִי וּמַנִּיחַ אֶת הַמַּעֲרָבִי דּוֹלֵק שֶׁמִּמֶּנּוּ הָיָה מַדְלִיק אֶת הַמְּנוֹרָה בֵּין הָעַרְבַּיִם · מְצָאוֹ שֶׁכָּבָה מְדַשְּׁנוֹ וּמַדְלִיקוֹ מִמִּזְבַּח הָעוֹלָה · נָטַל אֶת הַכּוּז מִמַּעֲלָה שְׁנִיָּה וְהִשְׁתַּחֲוָה וְיָצָא: מִי שֶׁזָּכָה בִּקְטֹרֶת הָיָה נוֹטֵל אֶת הַבָּזָךְ מִתּוֹךְ הַכַּף וְנוֹתְנוֹ לְאוֹהֲבוֹ אוֹ לִקְרוֹבוֹ · נִתְפַּזֵּר מִמֶּנּוּ לְתוֹכוֹ נוֹתְנוֹ לוֹ בְּחָפְנָיו וּמְלַמְּדִין אוֹתוֹ הֱוֵי זָהִיר שֶׁלֹּא תַתְחִיל מִלְּפָנֶיךָ שֶׁלֹּא תִכָּוֶה · הִתְחִיל מְרַדֵּד וְיוֹצֵא · לֹא הָיָה הַמַּקְטִיר מַקְטִיר עַד שֶׁהַמְמֻנֶּה אוֹמֵר לוֹ הַקְטֵר · אִם הָיָה כֹּהֵן גָּדוֹל הַמְמֻנֶּה אוֹמֵר אִישִׁי כֹּהֵן גָּדוֹל הַקְטֵר · פֵּרְשׁוּ הָעָם וְהִקְטִיר וְהִשְׁתַּחֲוָה וְיָצָא:

מעשר שני פ׳ ה׳

הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם · עָשִׂינוּ מַה שֶּׁגָּזַרְתָּ עָלֵינוּ אַף אַתָּה עֲשֵׂה עִמָּנוּ כְּמָה שֶׁהִבְטַחְתָּנוּ · הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ

וְועל אִיךְ זָאגִין אִיךְ שְׁוֶוער אַזוֹ וִויא זַייא אִין הִימִיל צוּא שְׁוֶוערִין אוּנ מִיט דֶעם לָשׁוֹן אַז זִיא זָאל הָאבִּין אַיין אִיךְ לֶעבּ אֵייבִּיג אַז אִיךְ וֶועל שַׁארְפִין דִי קְלִינְג פוּן מַיין שְׁוֶוערְד אוּנ נִיט אִין מִדָּה דֶער גְלַאנְץ אוּנ מַיין הַאנְט זָאל אָן הַאלְטִין אִין דֶער מִדָּה פוּן מִשְׁפָּט בַּלֵיידִיגֶר וְואשׁ זֵיי הָאבִּין צוּ פוּן רַחֲמִים כְּדֵי אִיךְ זָאל אוּם קֶערִין אַיין נְקָמָה צוּ מַיינֶע אִיךְ יִשְׂרָאֵל גְטָאן אוּנ צוּ מַיינֶע פַיינְט וֶועל אִיךְ בַּצָאלִין: אִיךְ וֶוער זַאט מַאכִין מַיינֶע פַיילִין פוּן דֶעם בְּלוּט פוּן דֶעם פַיינְט אוּנ מַיין שְׁוֶוערְד וֶועט עֶסִין זֵייעֶר פְלֵייש אוּנ דְרוּם וֶועלִין זֵייא הָאבִּין אַזוֹ אַיין עוֹנֶשׁ מֵחֲמַת דֶעם בְּלוּט פוּן דִי דֶער שְׁלָאגִינֶע יִשְׂרָאֵל וְואשׁ זֵיי הָאבִּין פַאר גָאסִין אוּנ ווייל זֵייא הָאבִּין פוּן זֵייא גִינוּמֶען אִין דֶער שִׁבְיָה פוּן דֶעם תְּחִלַּת בְּרָאךְ וְואשׁ דֶער פַיינְט הָאט גִיטָאן אִין דִיא יִשְׂרָאֵל וְואשׁ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין נָאךְ גִיזִינְדִיגְט וֶועל אִיךְ זֵייא בַּצָאלִין דְרוּף: אַז דָאשׁ וֶועט זַיין וֶועלִין אַלֶע לוֹיבִּין זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וְואשׁ זֵייא הָאבִּין זִיךְ בַּאהֶעפְט אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּנ חָאטְשֶׁע ווִיא פִיל צָרוֹת זֵייא הָאבִּין גִיהַאט הָאבִּין זֵייא אִים פָארְט נִיט פַר לָאזִין וָוארוּם פַאר דֶעם בְּלוּט וְואשׁ אִיז פַר גָאסִין גִיוָוארִין פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט וֶועט עֶר זִיךְ נוֹקֵם זַיין אוּנ אַיין נְקָמָה וֶועט עֶר אוּם קֶערִין צוּ זַיינֶע בַּלֵיידִיגֶער אוּנ עֶר וֶועט אִיבֶּר בֶּעטִין אוּנ וֶועט בַּווִילִיגְט וֶוערִין צוּא זַיין לַאנְד צוּא זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

הַשְׁקִיפָה לוּג פוּן דַיין הֵיילִיג וואוּנוּנְג פוּן דֶעם הִימִיל מִיר הָאבִּן גִיטָאן וְואשׁ דוּא הָאשְׁט אוּנְז וְואשׁ דוּ הָאשְׁט אוּנְז מַבְטִיחַ גִיוֶועזִן טוּא דוּ אוֹיךְ מִיט אוּנְז נוּר הָאשְׁט אוֹיף אוּנְז

מן השמים וברך את עמך את ישראל בבנים ובבנות ואת האדמה אשר נתתה לנו בטל ומטר ובולדות בהמה · כאשר נשבעת לאבותינו ארץ זבת חלב ודבש · כדי שתתן טעם טוב בפרות :

תלמוד זרעים ברכות פ' הרואה

**בן** זומא ראה אוכלוסא על גב מעלה בהר הבית אמר ברוך חכם הרזים וברוך שברא כל אלו לשמשני : הוא היה אומר כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול · חרש וזרע וקצר ועמר ודש וזרה וברר וטחן ורקד ולש ואפה ואחר כך אכל · ואני משכים ומוצא כל אלו מתקנים לפני ; וכמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא בגד ללבוש · גזז ולבן ונפץ וטוה וארג וצבע והפר ואחר כך לבש · ואני משכים ומוצא כל אלו מתוקנים לפני :

סדר מועד תענית פ"ב

**לא** נאמר באנשי נינוה וירא אלהים את שקם ואת תעניתם אלא וירא האלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה · ובקבלה הוא אומר וקרעו לבבכם ואל בגדיכם ושובו אל יי :

גיזעגן אונ בענטש דיין פאלק ישראל מיט זין אונ מיט טעכטר אונ דיא ערד וואש דוא האשט געגעבן צו אונז זאלשטו זיא בענטשין מיט טל אונ מיט רעגין אונ מיט ולדות פון בהמות אזו וויא דוא האשט געשווארין צוא אונזרע עלטערין צוא געבין אונז אזו איין לאנד וואש עש רינט דארטין מילך אונ האניק כדי אז דוא זאלשט געבין איין גוטין טעם אין דיא פירות :

בן זומא בן זומא האט גיזעהען איין גרויש חיל פון ששים רבוא אויף דעם הר הבית האט ער גיזאגט גילויבט איז דער וואש קליגט אונ ווייסט דיא מחשבות וואש אין הארצין פון די אלע אונ גלויבט איז דר וואש האט בשאפין דיא אלע צוא בדינען מיך · בן זומא האט גיזאגט וויא פיל מיא האט זיך אדם הראשון גימיט ביז ער האט גיפונען ברויט צוא עשין ער האט גיאקערט אונ האט גיזייט אונ האט גישניטין אונ האט גימאכט בינדליך אונ האט גידראשין אונ האט גווינט שופעלט אונ האט אויש גיקליבין די פסולת אונ האט גימאלין אונ האט גיזיפט אונ האט גיקנאטין אונ האט גיבאקין דער נאך האט ער גיגעסן אונ איך פערר זיך פריא אויף צו שטיין אונ גיפין דאש אלץ גרייט פאר מיר · אונ וויא פיל מיא האט זיך אדם הראשון גימיט ביז ער האט גפונען איין קלייד אן צוא קלידין ער האט גישארין דיא וואל אונ האט זיא גיוואשין אונ האט זיי אויש גיקלאפט אונ האט זיי גישפונן אונ האט גיוועבט אונ האט גיפארבט אונ האט גינייט אונ דער נאך האט ער דאש אן גיקליידעט אונ איך פעדער זיך אונ גיפין דאש אלין גרייט פאר מיר :

לא נאמר עש איז נים גיזאגט גיווארין ביא די מענטשין פון נינוה אז גאט האט גזעהען זייערע זעק וואש זייא האבין אן גיקלייד אונ זייער פאסטין נאר אזו שטייט גאט האט גיזעהען זייערע ווערק אז זייא האבין ווידער גיקערט פון זייער שלעכטין וועג צום גוטין

שבת פ׳ כל כתבי

**וְאָמַר** רַבִּי יוֹסֵי מִיָּמַי לֹא עָבַרְתִּי עַל דִּבְרֵי חֲבֵרַי יוֹדֵעַ אֲנִי בְּעַצְמִי שֶׁאֵינִי כֹהֵן וְאִם אוֹמְרִים לִי חֲבֵרַי עֲלֵה לְדוּכָן הָיִיתִי עוֹלֶה ׃ וְאָמַר רַבִּי יוֹסֵי מִיָּמַי לֹא אָמַרְתִּי דָּבָר וְחָזַרְתִּי לַאֲחוֹרַי ׃

סדר נשים נדרים פרק ג

**רַבִּי** שִׁמְעוֹן אוֹמֵר גְּדוֹלָה מִילָה שֶׁהִיא שְׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַתּוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר הִנֵּה דַם הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַת יְיָ עִמָּכֶם עַל כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה ׃ **תַּנְיָא** רַבִּי אוֹמֵר גְּדוֹלָה מִילָה שֶׁאֵין לְךָ מִי שֶׁנִּתְעַסֵּק בְּמִצְוֹת כְּאַבְרָהָם אָבִינוּ וְלֹא נִקְרָא תָמִים אֶלָּא עַל שֵׁם הַמִּילָה שֶׁנֶּאֱמַר הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים ׃ וְאֶתְּנָה בְרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ ׃ דָּבָר אַחֵר גְּדוֹלָה מִילָה שֶׁשְּׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר כִּי עַל פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כָּרַתִּי אִתְּךָ בְּרִית וְאֶת יִשְׂרָאֵל ׃ דָּבָר אַחֵר גְּדוֹלָה מִילָה שֶׁאִלְמָלֵא מִילָה לֹא נִתְקַיְּמוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ שֶׁנֶּאֱמַר אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי ׃

נוטין וועג אונ דורך דיא נביאים וואש זייא האבין די נביאה מקבל געוועזן פון דעם רוח הקודש זאגט דער פסוק צו רייניגן אייערע הערצער וועט איר ניט באדארפין צו רייסין אייערע קליידער מחמת אבילות אונ טוט תשובה צוא גאט ׃

אמר רבי יוסי האט גיזאגט פון מיין לעבנש טאג האב איך ניט עובר געוועזן אויף די רייד פון מיין חבר איך וויש ביא זיך וואל אז איך בין ניט קיין כהן אונ אז מיינע חברים וואלטן מיר גיזאגט אז איך בין יוא איין כהן אונ גייא אויף צו דעם ארט וואו מען דוכנט וואלט איך אויף גינאנגען אונ נאך איין זאך האט רבי יוסי גיזאגט פון מיין לעבנש טאג האב איך ניט גיזאגט איין זאך אז איך זאל זיך דר נאך אום קערין אהינטער אונ זאל זיך לייקענען נאר איך האב זיך מודה געוועזן וויא אזוא איך האב גיזאגט ׃

רבי שמעון זאגט די מצוה פון מילה איז אזו גרויש וואש זיא וועגט אנטקעגן נאר דער תורה ווארום עש שטייט אין פסוק דאש בלוט פון דעם ברית וואש גאט ברוך הוא האט פאר שניטין מיט אייך וועגט דאש אזו פיל וויא אלע די דאזיגע רייד פון דער תורה ׃ תניא מיר האבין גלערינט רבי זאגט וויא גרויש איז דיא מצוה פון מילה ווארום עש איז ניט דא איינער וואש האט עוסק געוועזן אין מצות וויא אברהם אבינו אונ איז פארט ניט גירופין געווארין גאנצר נאר מחמת דער מצוה פון מילה וויא עש שטייט אין פסוק גייא פאר מיר אונ זייא גאנץ אונ איך וועל געבין מיין ברית צווישין מיר אונ צווישן דיר איין אנדער פירוש איז די מצוה פון מילה איז אזו גרויש וואש זיא וועגט אליין אנטקעגין אלע מצות פון דער תורה ווארום עש שטייט אין פסוק אז דורך דר מצוה פון מילה וואש זיא וועגט אזו פיל וויא אלע דיא דאזיגע רייד פון דער תורה האב איך מיט דיר כורת ברית געוועזן אונ מיט דיא ישראל ׃ איין אנדער פירוש איז וויא גרויש איז דיא מצוה פון מילה ווארום ווען ניט דיא מצוה פון מילה וואלט הימעל אונ ערד קיין קיום ניט גיהאט ׃

סדר נזיקין סנהדרין פ׳ אחד דיני ממונות

**לפיכך** נברא אדם יחידי בעולם ללמדך שכל המאבד נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאלו אבד עולם מלא · וכל המקים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאלו קים עולם מלא · ומפני שלום הבריות שלא יאמר אדם לחברו אבא גדול מאביך · ושלא יהיו המינים אומרים הרבה רשויות בשמים · ולהגיד גדלתו של הקדוש ברוך הוא שאדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד וכלם דומין זה לזה ואלו מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא טובע כל האדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה לחברו : תנו רבנן אדם נברא בערב שבת ומפני מה שלא יהיו המינים אומרים שתף היה לו להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית · דבר אחר שאם תזוח דעתו עליו אומרים לו יתוש קדמך במעשה בראשית · דבר אחר כדי שיכנס למצוה מיד :

סדר קדשים מדות פ״ה

**לשכת** הגזית שם היתה סנהדרי גדולה של ישראל יושבת ודנה את הכהנה · וכהן שנמצא בו פסול לובש שחורים ומתעטף שחורים

לפיכך נברא ־דרום איז בשאפין געווארין אין תחלת הבריאה נאר איין מענטש אויף דער וועלט צו לערנן דיך אז איטליכר וואש מאכט פרלירין אפילו נאר איין נפש ברייננט אויף אים דר פסוק גלייך וויא ער האט גימאכט פר לירין דיא גאנצע וועלט אונ איטליכר וואש איז מקיים אפילו נאר איין נפש איז גלייך וויא ער האט מקיים גיוועזן דיא גאנצע וועלט · אונ פון וועגין אז די לייט זאלין צווישין זיך שלום האבין אז איין מענטש זאל ניט זאגין צו זיין חבר מיין פאטער איז גרעסער פון דיין פאטער ווארום ער איז פריער בשאפין גיווארין · אונ נאך איין טעם איז פאר וואש אין תחלת הבריאה איז נאר בשאפין גיווארין איין מענטש כדי דיא אפיקורסים זאלין ניט זאגין אז פיל געטער איז פאר האנדין אין הימילי אונ צו זאגין די גדולה פון גאט ב״ה ווארום ווען איין מענטש שלאגט פיל מטבעות מיט איין חותם זיינען אלע מטבעות גלייך אבער גאט ב״ה מאכט אלע מענטשין מיט דעם חותם פון אדם הראשון אונ פון דעסט וועגין איז איין מענטש צים אנדערין ניט גלייך אין זייערע גישטאלטין :

תנו רבנן האבין די רבנים גילערינט דער מענטש איז בשאפין גיווארין אום ערב שבת אונ פאר וואש כדי די אפיקורסים זאלין ניט זאגין אז דר מענטש איז גיוועזן איין שותף צו גאט ב״ה איין אנדער פירוש איז ווען איין מענטש וועט זיך האפערדיג האלטין זאגט מען צו אים וואש האלשטו זיך האפערדיג אפליג איז דאך פריער בשאפין גיווארין פון דיר · איין אנדער פירוש איז כדי דר מענטש זאל תיכף אין מצוה פון שבת ארייננייך

לשכת הגזית דער חדר וואש איז אן גירופין גיווארן לשכת הגזית דארטין איז דיא סנהדרין גדולה פון דיא ישראל גיזעסין אונ זיא האט גימשפט דיא כהנים אונ איין כהן וואש איז גיפונען גיווארין אין אים איין פסול האט ער זיך אן גיקלייד אונ איין גיוויקילט

יוצא והולך לו · ושלא נמצא בו פסול לובש לבנים ומתעטף לבנים ·
נכנס ומשמש עם אחיו הכהנים · ויום טוב היו עושים שלא נמצא פסול
בזרעו של אהרן · וכך היו אומרים ברוך המקום שלא נמצא פסול בזרעו
של אהרן · וברוך הוא שבחר באהרן ובבניו לעמוד לשרת לפני יי בבית
קדשי הקדשים :

מנחות פ׳ התכלת

**תניא** אמר רבי נתן אין לך מצוה קלה שכתובה בתורה שאין מתן
שכרה בעולם הזה · אבל לעולם הבא איני יודע כמה · צא ולמד
ממצות ציצית :

(עיין במהרש״א בח׳ קטנות סוף פ׳ התכלת שכתב מעשה זה בקצת שנוי לשון קצרתי מכאן) :

**מעשה** באדם אחד שהיה זהיר במצות ציצית · שמע שיש זונה בכרכי
הים שנוטלת ארבע מאות זהובים בשכרה · שגר לה ארבע
מאות זהובים וקבעה לו זמן · כשהגיע זמנו בא וישב על הפתח · נכנסה
שפחתה ואמרה לה אותו אדם ששגר לך ארבע מאות זהובים בא וישב
על הפתח · אמרה לה יכנס · נכנס · הציעה לו שבע מטות שש של כסף
ועליונה של זהב · עלתה וישבה על גבי עליונה כשהיא ערומה · ואף הוא
עלה לישב ערום כנגדה · באו ארבע ציציותיו וטפחו לו על פניו נשמט
וישב לו על גבי קרקע · ואף היא נשמטה וישבה על גבי קרקע · אמרה
לו גפה של רומי שאיני מניחתך עד שתאמר לי מה מום ראית בי · אמר
לה העבודה שלא ראיתי אשה יפה כמותך · אלא מצוה אחת צונו אלהינו
וציצית שמה וכתוב בה אני יי אלהיכם שני פעמים · אני הוא שעתיד
לפרע ואני הוא שעתיד לשלם שכר · ועכשיו נדמו עלי כארבעה עדים ·
אמרה איני מניחתך עד שתאמר לי מה שמך ומה שם עירך ומה שם

אין שווארצע קליידער אונ גייט זיך אוועק אונ טוט ניט די עבודה · אונ דער כהן וואש
איז אין איהם ניט געפונען געווארן קיין פסול האט ער זיך אן געקלייד אונ איין געוויקעלט
אין ווייסע קליידער אונ איז אריין געגאנגען אונ האט משמש געווען די עבודה מיט זיינע
ברידער די אנדערע כהנים אונ יום טוב האבין זיא זיך געמאכט דיא ראזינע וואש איז אין
זיי קיין פסול ניט געפונען געווארן אונ וואש זיי זיינען פון די קינדר פון אהרן הכהן אונ
האבין געזאגט געלויבט איז גאט וואש ער האט אויס דר וויילט אין אהרן אונ אין זיינע קינדר
צוא שטיין אונ צוא דינען פאר גאט אין דעם הויז :

תניא מיר האבין געלערינט רבי נתן זאגט עש איז ניט דא אפילו קיין גרינגע מצוה
וואש זיא שטייט אין דער תורה וואש איר שכר זאל ניט זיין אויף דער וועלט ·
אונ אויף יענער וועלט אבער ווייש איך ניט וויא פיל גייא אונ לערין אפ פון דער מצוה
פון ציצית פון דער מעשה וואש האט זיך געטראפין :

רבך ומה שם מדרשך שאתה לומד בו תורה · כתב ונתן בידה · עמדה וחלקה כל נכסיה שליש למלכות ושליש לעניים ושליש נטלה בידה חוץ מאותן מצעות · ובאת לבית מדרשו של רבי חייא · אמרה לו צנה עדי ויעשוני גיורת · אמר לה בתי שמא עיניך נתת באחד מן התלמידים · הוציאה כתב מידה ונתנה לו · אמר לה לכי זכי במקחך · אותן מצעות שהציעה לו באסור הציעה לו בהתר זה מתן שכרו בעולם הזה ולעולם הבא איני יודע כמה :

ידים פרק א׳

המים שנפסלו משתית הבהמה בכלים פסולין ובקרקעות כשרים · נפל לתוכן דיו קומוס וקנקנתום ונשתנו מראיהן פסולין · עשה בהן מלאכה או ששרה בהן פתו פסולין · שמעון התימני אומר אפילו נתכון לשרות בזה ונפל לשני כשרים :

נדה פ׳ המפלת

דרש רבי חנינא בר פפא מאי דכתיב עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר · בוא וראה שלא כמדת הקדוש ברוך הוא מדת בשר ודם · מדת בשר ודם נותן חפציו בחמת צרורה ופיה למעלה ספק משתמר · ספק אינו משתמר · ואלו הקדוש ברוך הוא צר את העבר במעי אשה פתוחה ופיה למטה ומשתמר · דבר אחר אדם נותן חפציו בכף מאזנים כל זמן שמכביד יורד למטה ואלו הקדוש ברוך הוא כל זמן שהולד מכביד עולה למעלה :

ואומרים עשרת הדברות ופרשת המן וגו׳ עד הבקשות כמו שהוא מסודר במעמד יום א׳

## בקשה ליום ששי

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתהא תורתך אמנותי ותתן לי לב טוב וחלק טוב וחבר טוב נפש שפלה ורוח נמוכה · ואל יתחלל שמך בי

דרש האט גדרשת ר׳ חנינא וואס איז דש וואס עס שטייט גאט טוט גרוישע זאכן וואס מען קאן זיי ניט פאר שטיין אונ טוט פיל וואונדער ביז אן צאל קום אונ זעה אז ניט אזו וויא די מדה פון גאט ברוך הוא איז די מדה פון איין בשר ודם איין ב״ו ניט אריין זיינע זאכן אין איין לאגיל אונ פאר בינט אים פון אויבין אונ די מויל פון דעם לאגיל איז ארויף אונ פון דעסט וועגין איז איין ספק אויב די זאכן ווערין גיהיט איגוויינינ אדער ניט · אבער גאט ברוך הוא באשאפט דאש קינד אין די גידערים פון דער מוטער דאש הייסט וויא איין אפענער לאגיל אונ דער מויל איז אראפ אונ דאש קינד ווערט פארט גיהיט · איין פירוש איז איין מענטש גיט זיינע זאכן אין איין וואג שאל וואש ער מאכט שווער גייט דש וואג שאל אראפ אבער גאט ברוך הוא וואש דאש קינד ווערט אין דער מוטערש גידערים שווער גייט דאש ארויף :

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילין פון צו פאר דיר גאט מיין גאט אונ דער גאט פון מיינע

ואל תעשני שיחה בפי הבריות ואל תהי אחריתי ותקותי למפח נפש · ואל תצריכני לידי מתנת בשר ודם שמתנתם מועטה וחרפתם מרבה אלא לידך המלאה והרחבה והפתוחה והקדושה · ותן חלקי בתורתך עם עושי רצונך בלבב שלם ובנה ביתך עירך והיכלך ומקדשך במהרה בימינו · מהר ענני ופדני מכל גזרות קשות ורעות · והושיעני ברחמיך הרבים מכל צרה וצוקה כי אתה שומע תפלת כל פה · ברוך אתה שומע תפלה :

בקשה אחרת מעין יצירת היום על דרך הקבלה :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו כאשר בראתנו לכבודך כן ברחמיך הרבים תתקננו לעבודתך אנחנו וכל עמך בית ישראל ותיחד לבבנו לעבדך בלבב שלם והחזירנו בתשובה שלמה לפניך · ותמלא כונת מחשבתך בנו לטובה בבראך כיום זה בעולמך שיצרת אדם ישר לעמוד לפניך לשרתך ולברך בשמך · יהי רצון מלפניך יי אלהינו שתישרנו לפניך ותקרב שנת גאלתנו · ותבנה עירך במהרה בימינו : ובית קדשנו ותפארתנו

עלטערין אז דיין תורה זאל זיין מיין מלאכה אונ דוא זאלשט געבין צו מיר איין גוט הארץ אונ איין גוטין חלק אונ איין גוטין חבר אונ איין נידעריג גמיט אונ דיין נאמן זאל ניט ווערין פאר שוועכט דורך מיר אונ דוא זאלשט מיך ניט מאכין אריר אין דעם מויל פון לייטין אונ מיין סוף זאל ניט זיין צו פר שניידונג אונ מיין האפונג זאל ניט זיין צוא טרויערונג לייב אונ דוא זאלשטו מיך ניט מאכין באדארפין צו דער גאב פון איין בשר ודם וואש זייערע גאב איז ווייניג אונ זייער שאנד איז פיל נאר צוא דיין האנט וואש זיא איז פול אונ ברייט אונ זיא איז אפין אונ זיא איז הייליג · אונ גיב מיין חלק אין דיין תורה מיט דיא וואש טוען דיין רצון מיט דעם גאנצין הארצין אונ בויא דיין היכל מיט דיין בית המקדש באלד אונ גיך אין אונזערע טעג אונ ענטפר מיר אונ לייז מיך אויש פון אלע בייזע גזרות אונ העלף מיר מיט דיינע פיל רחמנות פון אלערלייא צרות :

יהי רצון אזו וויא דוא האשט אונז באשאפין צוא דיין כבוד אזו מיט דיין פיל רחמנות זאלשטו אונז אן ברייטין צו דיין דינשט מיר אונ נאר דיין פאלק ישראל אונ זאלשט מאכין איינש אונזערע הערצר צוא דינען דיך מיט דעם גאנצין הארצין אונ מאך אום קערין אונז צו פאר דיר מיט איין גאנצע תשובה אונ דער פיל אין אונז דיא כוונה פון דיין מחשבה אין דיין טאן באשאפין אין דעם דאזיגן טאג אין דיין עולם וואש דו האשט באשאפן איין רעכט פארטיגין מענטשן צו שטיין פאר דיר צוא דינען דיך אונ צו לויבין אין דיין נאמען: עש זאל זיין דער ווילין צוא פאר דיר גאט אינזער גאט אז דוא זאלשט רעכט פארטיגין אונז צוא פאר דיר אונ זאלשט מאכין נענהנען דיא יאר פון אונזער אויש לייזונג אונ זאלשט בויען דיין שטאט ירושלים באלד אין אונזערע טעג אונ אונזער בית המקדש אונ אונזער שיינקייט זאלשט אויף ריכטין אונ זאלשט מאכין רוען דיין שכינה צווישן אונז אונ דוא זאלשט אום קערין דיין מלוכה צוא זיין ערשטקייט כלומר אזו וויא צום ערשטין איז גיוועזן אונ מיר זאלין זוכה זיין אונ נאר דיין פאלק צוא לייבטין

אין

תְּקוֹמֵם · וְתַשְׁרֶה שְׁכִינָתְךָ בֵּינֵינוּ · וְתַחֲזִיר מַלְכוּתְךָ לְקַדְמוּתוֹ · וְנִזְכֶּה אֲנַחְנוּ וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לָאוֹר בְּאוֹר פָּנֶיךָ · כִּי בְאוֹר פָּנֶיךָ חַיִּים לָנוּ · וְתַבְשְׂרֵנוּ כִּי רְצִיתָנוּ · כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה · בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה :

# מעמדות ליום השבת

תורה

וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם : וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה : וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת :

שמות לא

וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר : וְאַתָּה דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִיא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי יְיָ מְקַדִּשְׁכֶם : וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַשַּׁבָּת כִּי קֹדֶשׁ הִיא לָכֶם מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת כִּי כָּל הָעֹשֶׂה בָהּ מְלָאכָה וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִקֶּרֶב עַמֶּיהָ : שֵׁשֶׁת יָמִים יֵעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן קֹדֶשׁ לַייָ כָּל הָעֹשֶׂה מְלָאכָה בְּיוֹם הַשַּׁבָּת מוֹת יוּמָת : וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם : בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִיא לְעֹלָם כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יְיָ אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ :

שמות לה

אִין דֶער לִיכְט פוּן דַיין שְׁכִינָה וָוארוּם דוּרְךְ דֶער לִיכְט פוּן דַיין שְׁכִינָה קוּמְט צוּ אוּנְז לֶעבִּין אוּנ זָאלְשְׁט אוּנְז מְבַשֵּׂר זַיין אַז דוּא הָאשְׁט אוּנְז בַּאוִוילִיגְט :

ויאמר ה׳ אוּנ גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה אַזוּ צוּ זָאגִין : אוּנ דוּ רֵייד צוּ דִי קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל אַזוּ צוּ זָאגִין הָאמֶשְׁע אִיר וֶועט זַיין זְרִיזִים אִין דֶער מְלָאכָה פוּן דֶעם מִשְׁכָּן זָאלְט אִיר פָּארְט הִיטִין מַיינֶע שַׁבָּתִים פוּן צוּא טָאן מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן אוּם שַׁבָּת וָוארוּם עֶשׁ אִיז אַיין גְרוֹישֶׁער צֵייכִין צְוִוישִׁין מִיר אוּנ צְוִוישִׁין אַייךְ צוּ אַייעֶרֶע אַלֶע דוֹרוֹת אַז אִיךְ הָאב אִין אַייךְ אוֹיש דֶער וֵוילְט וְהָרְאָיָה אַז דֶעם טָאג וָואשׁ אִיךְ הָאב גִירוּעֶט הָאב אִיךְ אַייךְ גִיגֶעבִּין צוּ אַיין רוּאוּנְג אַז זֵייא זָאלִין וִוישִׁין אַז אִיךְ בִּין גָאט אַייעֶר הֵיילִיגֶר : אוּנ אִיר זָאלְט הִיטִין דֶעם שַׁבָּת וָוארוּם זִיא אִיז הֵיילִיג צוּ אַייךְ דֶער וָואשׁ אִיז זִיא מְחַלֵּל אוּנ עֶשׁ אִיז דָא עֵדוּת דְרוֹיף אוּנ מֶען הָאט אִים מַתְרֶה גִיוֶועז זָאל עֶר גִיטֵייט וֶוערִין בְּדִינֵי אָדָם אוּנ אִיטְלִיכֶער וָואשׁ טוּט אִין אִיר אַיין מְלָאכָה אוּנ עֶשׁ אִיז קֵיין הַתְרָאָה נִיט גִיוֶועזְן דְרוֹיף זָאל דָאשׁ נֶפֶשׁ פַאר שְׁנִיטִין וֶוערִין בִּידֵי שָׁמַיִם פוּן צְוִוישִׁין אִיר פָאלְק : זֶעקְשׁ טֶעג זָאל וֶוערִין גִיטָאן אַיין מְלָאכָה אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג זָאל זַיין אַיין הֵיילִיג רוּאוּנְג צוּא גָאט אִיטְלִיכֶער וָואשׁ טוּט אַיין מְלָאכָה אוּם שַׁבָּת זָאל עֶר גִיטֵייט וֶוערִין : אוּנ זֵייא זָאלִין הִיטִין דִיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל דֶעם שַׁבָּת צוּא הַאלְטִין דֶעם שַׁבָּת צוּ אַלֶע זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת עֶשׁ זָאל אַיין קִיוּם הָאבִּין אוֹיף אַייבִּיג : צְוִוישִׁין מִיר אוּנ צְוִוישִׁין דִי קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל אִיז דָאשׁ אַיין צֵייכִין אוֹיף אַייבִּיג אַז אִיךְ הָאב דֶעם טָאג גִירוּעֶט אוּנ הָאב זֵייא

גינעביז

## מעמדות ליום השבת

שם לה
וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה יְיָ לַעֲשֹׂת אֹתָם: שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַיְיָ כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת: לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת:

במדבר כח
וּבְיוֹם הַשַּׁבָּת שְׁנֵי כְבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה תְּמִימִם וּשְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן וְנִסְכּוֹ: עֹלַת שַׁבַּת בְּשַׁבַּתּוֹ עַל עֹלַת הַתָּמִיד וְנִסְכָּהּ:

מערכת שבת ויקרא כד
